# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת בהעלתך | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ומבן חמשים שנה ישוב מצבא העבודה ולא יעבוד עוד:** יתפרש ברמז **צב"א** בגי' **אח"ד וע"ד**. והמייחדים יחודי קריאת שמע שהם אחד ועד, נקראים אנשי **הצב"א**. וידוע (עיין זוהר ח"ב קל"ד ע"א) שלעתיד לבוא יסתיים גם ברוך שם כבוד מלכותו בתיבת **אחד**, כמו פסוק **שמע ישראל**, וזהו סוד ביום ההוא יהיה ה' **אח"ד ושמו אח"ד** (זכריה יד ט), גם כעת יש בברוך שם כ"ד אתוון, ולעתיד יהיה בו כ"ה אתוון כמו בשמע ישראל, (ועיין באגרא דפרקא אות קי"א שלעתיד יאמרו וברוך שם ובזה יושלם חמשים אתוון), ויהיו שניהם יחד **חמשים** אתוון, בסוד ויפן **כה וכה**. (שמות ב יב).

וזה שרמז **ומבן חמשים שנה** פי' כשישתנה היחוד לחמשים אותיות, אזי ישוב מ**צב"א** העבודה ישוב האדם מלעבוד את העבודה בבחינת **צב"א**, היינו **אח"ד וע"ד**, כי יהיה י"י אח"ד ושמו אח"ד, שגם ברוך שם יסתיים **באח"ד**, וזהו ולא יעבוד **עו"ד** (אתוון ועד), שכעת הם בחילופי אתוון, רק יהיה ה' **אחד ושמו אחד**. (אגרא דכלה).

ובזה פי' רבינו בעל **ברך משה** זי"ע מה שאומרים בזמירות לשבת **צבו לחדא** פי' שבני ישראל רוצים ומשתוקקים, **לחד"א בהאי ועד"א**, היינו שיגיע העת שתיבת **ועד** יתהוה **לאחד**, ואז יהי' **בגו עירין וכל גדפין**, היינו שאז יחזרו להמלאכים כל הכנפים שלהם, שבעת הגלות חסרים שני כנפים מן המלאכים כדאיתא בחגיגה (דף י"ב).

## דרש דרש

**ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה:** זאגט רש"י: **להגיד שבחו של אהרן שלא שינה.** לכאורה איז שוער, וואס איז די לויב אויף אהרן הכהן דער גרויסער צדיק, אז ער האט נישט געטוהן אנדערש ווי השי"ת האט געהייסן?

ענטפערט דער הייליגער **בני יששכר** זי"ע אין זיין ספר **אגרא דכלה**, עס ווערט געברענגט א מעשה אין ספר חסידים, אז עס איז געווען א באהאלטענער צדיק וואס איז געווען דער משמש אין בית המדרש, און ווען ער פלעגט אנגיסן די אויל אינעם לייכטער, איז ער געווען אינגאנצן פארטיפט אין הייליגע מחשבות פון אהבת הבורא, אז ער האט נישט געזעהן וואו ער גיסט די אויל, און די גאנצע אויל האט זיך אויסגעגאסן, ווען דער רב פון די שטאט האט דאס באמערקט האט ער פארשטאנען זיין גרויסקייט, האט ער געזאגט אז דער משמש זאל ווערן רב אנשטאט אים.

דאס דערציילט רש"י די גרויסע מעלה פון אהרן הכהן, אז כאטש ער האט אינזין געהאט אלע הייליגע כוונות ביים צינדן די מנורה, דאך האט ער געקענט אכטונג געבן נישט אויסצוגיסן די אויל א.ד.ג.

## מעשה רב

### ישוב מצבא העבודה ולא יעבוד עוד

געווען איז דאס איינמאל ווען דער **רבי בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען אין א באד און עס איז דעמאלטס אויך דארט געווען דער **וויזשניצער רבי בעל אהבת ישראל** זצ"ל, וועלכער האט געלאדענט דעם רבי'ן אויף שבת נאכן דאווענען צו קידוש.

דער **וויזניצער רבי** פלעגט דאך זינגען מיט זיינע חסידים ביים טיש שעות ארוכות כל מיני ניגונים, אויף אן אופן וואס איז פארן רבי'ן געווען פרעמד.

פלוצים דרייט זיך דער **וויזשניצער רבי** אויס צום רבי'ן און זאגט אים:

"מיר געפונען אין פר' בהעלותך, אז די לויים האבן געדארפט גיין טוהן די עבודה אין בית המקדש אנגעהויבן ביי די 25 יאר און זיי האבן געדינט ביז די 50 יאר, ביי די פופציג יאר שטייט אין פסוק, **ומבן חמשים שנה ישוב מצבא העבודה ולא יעבוד עוד**, דארף מען פארשטיין פארוואס טארן שוין די לויים נישט ארבעטן העכער די פופציג יאר?!"

"נאר דער ענין איז, די עבודה פון די לויים איז דאך געווען צו זינגען אין בית המקדש און מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה ותיקון המעשים, דעריבער זענען זיי געווען די אלע יארן אין בית המקדש, אבער במשך די יארן זענען זיי אזוי אויסגעארבעט געווארן אין זייערע מדריגות אז ווען זיי זענען אלט געווארן 50 יארן האבן זיי שוין מער נישט געדארפט זינגען ווייל בלויז אנקוקן זייערע הייליגע אויסגעלייטערטע צורות, דאס אליין האט שוין מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה."

האט דער וויזניצער רבי אויסגעפירט "איר האלט שוין דארט אז איר דארפט נישט זינגען, מיר דארפן נאך יא זינגען"...

*

### קצינים שבהם? מוקצים שבהם!

אין די וואכעדיגע סדרה אויפן פסוק ותבער בם אש ה' ותאכל ב'קצה' המחנה, ברענגט רש"י 2 פשטים לויט איין פשט זאגט רש"י **קצינים שבהם**, דאס מיינט די חשוב'ע צווישן די אידן, און לויט איין פשט זאגט רש"י אז דאס מיינט, **מוקצים שבהם**, דאס מיינט די אפגעשיידטע, די ערב רב.

אין די צייטן פון די 6 טאגיגע מלחמה, האבן די ציונים איינגענומען דעם "כותל המערבי" און טויזענטער אידן זענען געלאפן מיט איין שמחה צום כותל, דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז געווען דער איינציגסטער וואס האט געשריגן אז מ'טאר נישט גיין צום כותל.

אין יענע טעג איז געווען ביים רבי'ן זיין תלמיד חביב כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, און ער האט געשמועסט מיטן רבי'ן איבער דעם מצב אין ארץ ישראל, דער שמועס איז דאן רעקארדירט געווארן אויף א טעיפ, וואו מען הערט ווי דער תולדות אהרן רבי דערציילט פארן רבי'ן אז די הויפט פאליציי האט אים גערופן אז ער זאל קומען צום כותל, נאך איידער דער רבי האט דאס גע'אסר'ט אבער ער האט נישט געוואלט גיין.

דער תולדות אהרן רבי האט דאן געזאגט פארן רבי'ן בזה"ל "אין די ערשטע טעג פאר מען האט נאך געקענט גיין צום כותל המערבי, האט דער "קצין" פון די פאליציי... (קצין מיינט אויף די טמא'נע שפראך אזוי ווי א 'הויפט')

דער רבי האט אים איבערגעהאקט און א שריי געגעבן: "קצין?!"... קצינים שבהם, מוקצים שבהם! דאס איז זיכער דער פשט אין רש"י!

דער רבי האט מיט דעם געזאגט אז דאס וואס די ציונים רופן דאס אויף זייער טמא'נע שפראך "קצין" דאס קומט פונעם ווארט "מוקצה", וואס מיינט אפגעשיידט און נידריג!

דאס איז פשט אין פסוק: ויעש כן אהרן, אהרן האט טאקע אזוי געטוהן, **אל מול פני המנורה העלה נרותיה**, אז ער האט געצינדן די ליכט פונקטליך ווי ער האט געדארפט, **כאשר צוה ה' את משה**, אזוי ווי השי"ת האט געהייסן, און ער האט דאס נישט אויסגעגאסן.

## בפרדס הפרשה

### אלדד ומידד

מיר לערנען די וואך אין די סדרה א פרשה ווי אזוי צוויי מענטשן **אלדד ומידד** האבן געזאגט נביאות אין די מחנה.

ווער זענען געווען **אלדד ומידד**?

א) דער **דעת זקנים** ברענגט א דעה אז משה רבינו'ס פאטער עמרם האט זיך געהאט אפגעטיילט פון זיין פרוי יוכבד, וועלכע איז געווען זיין מומע, און ער האט גענומען א צווייטע פרוי, און ער האט פון איר געהאט אלדד ומידד. דער **חיד"א** לייגט צו אז די נעמען אלדד ומידד צייגן טאקע דערויף **אַל דד**, עס איז נישטא דער איסור פון נעמען דודתו, **מי דד** איז דען דא דערביי דער איסור פון דודתו?! ווייל זיי זענען טאקע נישט געבוירן געווארן פון יוכבד.

ב) דער **תרגום יונתן בן עוזיאל** זאגט אז אלדד ומידד זענען געווען קינדער פון **אליצפן בן פרנך**, ווייל ער האט חתונה געהאט מיט יוכבד נאכדעם וואס עמרם האט איר געג'גט. און נאכדעם וואס די צוויי קינדער זענען געבוירן געווארן איז זי צוריק געגאנגען וואוינען מיט איר ערשטן מאן עמרם.

(די **מפרשים** פרעגן אבער א שטארקע קשיא אויף די דעה ווייל עס איז דאך דא אן איסור פון צוריק נעמען א גרושה אויב זי האט שוין חתונה געהאט מיט א צווייטן מאן, ווי אזוי האט איר עמרם געמעגט צוריק נעמען? איז דא דערויף עטליכע תירוצים:

וויבאלד עס איז נאך געווען פאר מתן תורה האט מען נאכנישט איינגעהאלטן די מצוות התורה. מיט דעם טייטשט דער **חיד"א** אז דאס איז געווען די טענה פון די מלאכים ביי מתן תורה מה לילוד אשה בינינו, מיינענדיג צו פרעגן וואס זוכט דער ילוד פון די אשה וואס איר מאן האט איר גענומען באיסור צו וועלן נעמען די תורה? אויף דעם האט דער אייבערשטער געענטפערט לקבל תורה בא, דאס איז נאך געווען פאר מתן תורה, און ער איז יעצט געקומען נעמען די תורה, און מהיום והלאה וועלן שוין אידישע קינדער טאקע מקיים זיין די מצות התורה.

ב) דער **רמב"ן** זאגט אז אין חוץ לארץ האט מען נישט איינגעהאלטן די תורה.

ג) דער **שפתי צדיק** זאגט אז פונקט ווי דער אור החיים הק' זאגט אז יעקב אבינו האט מעלים עין געווען פונעם איסור ב' אחיות ווייל ער האט געוואוסט אז ער דארף אויפשטעלן צוועלף שבטים, וועגן די זעלבע סיבה האט עמרם אויך מעלים עין געווען פונעם איסור כדי אויפצושטעלן די מנהיגי ישראל משה ואהרן.

ד) דער **משך חכמה** ענפערט אז נאך מ"ת איז מען געווען ווי א גר שנתגייר וואס די הלכה איז כקטן שנולד דמי, ממילא האט ער געמעגט צוריק נעמען יוכבד ווייל דאס וואס ער האט געוואוינט מיט איר פריער ווערט נישט גערעכנט).

ג) נאך א דעה ווערט געברענגט אין **מדרש** (רבה ט"ו ט"ו) אז דער **אלדד** איז **אלידד בן כסלון** נשיא שבט בנימין און מידד איז **קמואל בן שפטן** נשיא שבט אפרים, וואס ווערן דערמאנט אין פר' מסעי. דער **אור החיים הק'** דארט אויפן פלאץ צייכנט טאקע אן אז וועגן דעם שטייט נישט ביי אלידד נשיא לבני בנימין אזוי ווי עס שטייט ביי די אנדערע, וויבאלד ער איז שוין געווען אויף די מדריגה פון נבואה איז דאס ביי אים געווען א נחית דרגא צו ווערן אנגערופן נשיא (עי' בבעה"ט למה הוסיפו לו י' על שמו).

*

די גמרא דערציילט אין מס' חגיגה (דף ג' ע"א) אז עס זענען געווען **תרי אילמי**, צוויי שטימע מענטשן וואס האבן געוואוינט נעבן רבי, און זיי זענען געווען פלומעניקעס פון רבי יוחנן, און זיי פלעגן אלס זיצן ביי רבי'ס שיעורים פאר די חכמים און מיטשאקלען מיטן קאפ, און ווען רבי האט מתפלל געווען פאר זיי און זיי זענען אויסגעהיילט געווארן האט מען געזעהן אז זיי קענען הלכתא, ספרא, ספרי, און גאנץ ש"ס.

ברענגט דער **חיד"א** בשם ספר **גלגולי הנשמות** אז די צוויי מענטשן זענען געווען א גלגול פון אלדד ומידד און וויבאלד זיי האבן געזאגט נביאות ווען זיי האבן נישט געדארפט, זענען זיי געווען שטום ל"ע. און דער **חיד"א** זאגט טאקע אין זיין ספר **נחל קידומים** אז די ערשטע צוויי אותיות פון די נעמען **אלדד מידד** מאכט טאקע **אלמי** (שטימע). און דאס וואס יהושע בן נון האט געזאגט פאר משה רבינו **אדוני משה כלאם**, האט ער געבעטן מאך זיי **כאלם** (אותיות כלאם), אזוי ווי שטימע זיי זאלן נישט קענען רעדן.

*

אין ספר הק' **תהלה למשה** אויף תהלים (קלב יז) איז דא א מורא'דיגער לשון פונעם **ישמח משה** זי"ע, ווי ער שרייבט אזוי: **שם אצמיח קרן לדוד ערכתי נר למשיחי** "מתנבאים במחנה" - 'מתנבאים' זהו ר"ת: מ'אוד ת'איר נ'רו ב'היר א'ימת י'בוא מ'שיח—(זיין לעכטיגקייט וועט שיינען זייער שטארק ווען משיח וועט קומען) 'במחנה', **לא אוכל לגלות מה שנראה לי**" (דער רמז פון במחנה קען איך נישט אנטפלעקן).

דער **שינאווער רב** זי"ע האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט מפ"ק פונעם הייליגן **ייטב לב** זי"ע אז דאס וואס דער **ישמח משה** שרייבט "מתנבאים **במחנה**", מיינט אז "ב-מ-ח-נ-ה" מאכט מ'שה ב'ן חנה', דעריבער שרייבט דער **ישמח משה** "**לא אוכל לגלות הנראה לי**" אז ס'גייט ארויף אויף אים אליין אז ער וועט נתגלה ווערן אלס משיח.

אמאל אין א שמועס האט דער **רבי בעל דברי יואל** זי"ע גערעדט איבער די מורא'דיגע ווערטער וואס דער **ישמח משה** שרייבט, און וואס דער **ייטב לב** האט אנגעצייגט דערויף, און דער רבי האט דערציילט אז דער **ישמח משה** האט אמאל געזאגט אז זיין נאמען שטייט אין די תורה הק' פון ווי זיין נשמה קומט, זעהט זיך אויס אז דער שורש נשמה פונעם **ישמח משה** איז געווען פון **אלדד ומידד**, וויבאלד די ווערטער **מתנבאים במחנה** שטייט ביי זיי.

האט זיך איינער פון די אנוועזנדע אנגערופן און געפרעגט דעם רבי'ן "פון וועמענס שורש נשמה האט דער **ישמח משה** געשטאמט פון **אלדד** אדער פון **מידד**? האט זיך דער רבי צובייזערט און געזאגט "וואס האסטו מיט די זאכן, וואס פרעגסטו אין אזעלכע זאכן?!". (מס' קימו וקבלו דף כ"ט מ"י זהב או"ז)

## מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק ראשון

*

### אותו ולא אותה:

מיר האבן געלערנט אין די גמרא (דף כ"ט ע"א) **אז א פרוי איז נישט מחויב** צו מל זיין איר זוהן, ווייל אין פסוק שטייט אותו, דרש'ן איך דוקא אותו אז דער טאטע איז מחויב אויף מצות מילה, ולא אותה, די מאמע איז פטור פון מצות מילה.

פרעגט **תוספות** א קשיא, פארוואס דארפסטו האבן א פסוק ארויסצולערנען אז א פרוי איז פטור פון מצות מילה, אמער מצות מילה איז דאך א מצ"ע שהזמן גרמא, ווייל מ'קען נאר מל זיין ביינאכט, און יעדע מצ"ע שהזמ"ג זענען נשים פטורות.

ענטפערט דער **תוספות רי"ד** אז מילה איז נישט קיין מצ"ע שהזמ"ג, ווייל כאטש דער זמן קבוע ווען דורכצופירן די מצוה בפועל אויפן קינד איז דעם אכטן טאג אינדערפרי, אבער דער טאטע וואס ער איז מחויב מיט די מצוה ער איז טרוד צוצוגרייטן די מצוה סיי בייטאג און סיי ביינאכט ביזן יום המילה אויך, וואס דאס אלעס איז א טייל פון די מצוה, ממילא איז דאס נישט קיין מצ"ע שהזמ"ג דעריבער דארף איך האבן א פסוק וואס קומט ממעט זיין א אשה פון מצות מילה.

זאגט דער **ייטב לב** זי"ע אז מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מען רופט אן די טעג פארן ברית **שמונת ימי מילה**, וואס לכאורה איז דאך די מצוה נישט אכט טאג, נאר אינעם אכטן טאג, נאר לויט דעם איז דער פשט אז אלע אכט טעג ביזן ברית ליגט אויפן טאטן דער חיוב צו הכנה למצוות מילה, וויבאלד מצות מילה איז אזא גרויסע מצוה אז זי איז שקול קעגן אלע מצוות, דעריבער דארף מען מאכן א געוואלדיגע גרויסע הכנה און ער דארף זיין פארנומען מיטן צוגרייטן די מילה און אלע צרכי מילה כראוי די גאנצע אכט טאג וואס דאס איז א טייל פון די מצוה.

מיט דעם טייטשט דער **ייטב לב** א מדרש אין די וואכעדיגע סדרה: אויפן פסוק **בהעלתך את הנרות** זאגט דער מדרש **תן חלק לשבעה אלו שבעה קני המנורה, וגם לשמונה אלו שמונה ימי מילה**, וואס מען דארף פארשטיין דעם פשט. אזוי אויך דארף מען פארשטיין דאס ענין פון די **מעלה היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב את הנרות**, פארוואס האט דאס אויסגעפעלט.

נאר די הייליגע עבודה פון די מנורה איז געווען א געוואלדיגע עבודה וואס האט געפאדערט א גרויסע הכנה, נישט נאר אן הכנה במחשבה אדער בדיבור ווי ביי אנדערע מצות, נאר א גרויסע הכנה במעשה, דעריבער איז געווען א 'מעלה לפני המנורה' אז ער זאל זיך אויפהייבן און מתבונן זיין, שעליה הכהן עומד וואס דארט זאל ער בלייבן שטיין און אריינטראכטן אין דאס גרויסקייט און די הייליגקייט פון די מצוה וואס ער גייט טון.

דאס זאגט דער מדרש **תן חלק לשבעה אלו ז' קני המנורה**, וואס ער דארף אליינס אנגרייטן מיט א מחשבה און התבוננות, **וגם לשמונה אלו שמונה ימי מילה** וואו מיר זעהן אז אלע טעג פארן ברית ווערן אנגערופן ימי מילה.